**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/12/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול שרייבט אונטער געזעץ צו באשיצן קורבנות פון האסן פארברעכנס פון ווערן שלעכט באהאנדלט דורך אינשורענס פירמעס

***נייער געזעץ (S.7658-B/A.8869-B) באשיצט מענטשן פון האבן זייערע אינשורענס פאליסיס געקענסעלט אדער ראטעס געהעכערט צוליבן ארייננגעבן א קלעים פארן זיין א קורבן פון א האסן פארברעכן***

גאווערנער האקול האט היינט אונטערגעשריבן א געזעץ (S.7658-B/A.8869-B) וואס באשיצט קורבנות פון האסן פארברעכן פון שלעכט באהאנדלט ווערן דורך אינשורענס פירמעס. דער נייער געזעץ פארבאט אינשורענס פירמעס פונעם קענסלען אינשורענס, העכערן פרעמיומס, צוריקווייזן צו ארויסגעבן א פאליסי אדער צו באנייען א פאליסי צוליב אדער אויף די באזיס פון דעם אז איין אדער מער קלעימס זענען געמאכט געווארן פאר א פארלוסט וואס איז א רעזולטאט פון א האסן פארברעכן. דער נייער געזעץ וועט ארויפגיין אויף פריוואטע מענטשן, רעליגיעזע ארגאניזאציעס אדער נאן-פראפיטס וועלכע ווערן אפערירט פאר רעליגיעזע, וואוילטעטיגע אדער חינוך'דיגע צוועקן.

"ניו יארק שטייט שטארק קעגן אקטן פון האס נישט קיין חילוק וואו זיי שפראצן ארויס, און מיר וועלן פארזעצן צו האלטן די וועלכע פירן דורך אזעלכע שרעקליכע פארברעכנס פאראנטווארטליך", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "אויב א מענטש ווערט געציהלט דורך א האסן פארברעך איז דאס די לעצטע זאך איבער וואס זיי זאלן זיך דארפן זארגן דאס פארלירן זייער אינשורענס, און מיט דער געזעץ נעמען מיט אונטער שריט צו באשיצן קורבנות און פארזיכערן אז יעדער ניו יארק ווערט באהאנדלט מיט כבוד און רעספעקט."

דער נייער געזעץ (S.7658-B/A.8869-B) לייגט צו א נייע טייל צו דער אינשורענס געזעץ וואס פארבאט אן אינשורענס פירמע צו ארויסגעבן פאליסיס אין ניו יארק פונעם קענסלען, אויפהייבן די פרעמיום, צוריקווייזן ארויסצוגעבן אדער צו באנייען א פאליסי צוליב דעם וואס איין קלעים אדער מער איז געמאכט געווארן פאר די פאליסי דורכאויס די פאריגע פינף יאר פאר א פארלוסט וואס איז געקומען אלץ רעזולטאט פון א האסן פארברעכן וואס איז דורכגעפירט געווארן קעגן דעם מענטש אדער אייגנטום אונטער אינשורענס, אויב די אינשורענס קליענט ברענגט א באווייז פאר די אינשורענס פירמע אז די אקט וואס האט פאראורזאכט די פארלוסט איז א האסן פארברעכן. עס פארזיכערט אויך אז די וועלכע פירן דורך האסן פארברעכן קענען נישט נוצן דעם געזעץ זיך אליין צו באשיצן פון העכערע ראטעס אדער קענסלעישענס אלץ רעזולטאט פון די פארברעכן וואס זיי האבן אליין דורכגעפירט.

**סטעיט סענאטארשע אנא מ. קאפלאן האט געזאגט,** "אלץ א אידישע פליט וואס איז געקומען אהער צו דעם לאנד בשעת'ן אנטלויפן פון אנטיסעמיטישע גוואלדטאטן אין מיין היימלאנד, ווייטאגט מיט דאס הארץ איבער די אויפשטייג פון האס און עקסטרעמיסטישע גוואלדטאטן וואס מיר האבן צוגעזעהן אינעם לאנד זינט די פאנדעמיע. איך בין געווען שטאלץ זיך אויפצושטעלן און צוריקקעמפן קעגן האס אין יעדע

געלעגנהייט, אבער מיר דארפן טוהן מער, און דער געזעץ איז א וויכטיגע טריט צו קלאר מאכן אז האס האט נישט קיין פלאץ אין ניו יארק סטעיט. קיינער וואס פאלט א קורבן צו א האסן פארברעכן טאר נישט זיין אין א מצב אז זיי זאלן דארפן מורא האבן פון נקמות פון די אינשורענס פירמע בלויז פארן באריכטן וואס איז געשעהן צו זיי, און יעדע קורבן דארף פילן באקוועם צו באריכטן האסע צו די פאליציי צו ערלויבן גערעכטיגקייט צו געברענגט ווערן. איך בין דאנקבאר פאר די גאווערנער'ס באמיאונגען זיך צו באנעמען מיט די קריזיס פון פארנט און פארן אונטערשרייבן דעם געזעץ צו אוועקנעמען שטרויכלונגען אויפן וועג צו גערעכטיגקייט וואס זעצן פאר צו שעדיגן קורבנות."

**אסעמבלי מיטגליד שמחה אייזנשטיין האט געזאגט,** "עס קומט זיך נישט פאר מענטשן וועלכע פאלן א קורבן צו א האסן פארברעכן צו דארפן נאכמאל אריבערגיין דיסקרימינאציע. דער געזעץ וועט פארזיכערן אז אינשורענס פירמעס בלייבן מיט זייערע פאליסיס טראץ סיי וועלכע קלעימס פון האסן פארברעכנס. א דאנק פאר גאווערנער האקול פארן אנערקענען די וויכטיגקייט פון דעם געזעץ און פארן אויפשטיין פאר די רעכטן פון קורבנות."

זינט זי איז אריין אין אפיס האט גאווערנער האקול אנגענומען שטייפע שריט צו באקעמפן האסע געוואלדטאטן און אלע פארעמעס פון האסן פארברעכנס. אין נאוועמבער האט גאווערנער האקול אונטערגעשריבן א געזעץ פאדערנדיג אז מענטשן וועלכע זענען געפונען געווארן שולדיג אין א האסע פארברעכן זאלן אריבערגיין פארלאנגטע טרענירונג אדער קאונסעלינג, און אוי אויך צו אויפשטעלן א קאמפיין איבערן סטעיט צו אננעמען, אריינעמען, טאלערירן און פארשטיין פארשידנארטיגקייט, אריינרעכענענדיג צווישן אנדערע פארשידנארטיגקייט באזירט אויף רעליגיע, ראסע, הויט קאליר, גלויבונג, מאן/פרוי, אפשטאם, נאציאנאלע אפשטאם, עלטער, דיסאביליטי, סעקסועלע אריענטאציע, דזשענדער אידענטיטעט אדער אויסדרוק. די גאווערנער האט אויך אנאנסירט 50 מיליאן דאלאר צו פארשטערקערן די זיכערהייט מאסנאמען ביי נאָן-פּראַפיט, קאמיוניטי-באזירטע ארגאניזאציעס וועלכע זענען אין סכנה פון האסן פארברעכנס, אין צוגאב צו 46 מיליאן דאלאר אין פעדעראלע געלטער פאר 240 נאָן-פּראַפיט ארגאניזאציעס אריבער די סטעיט וועלכע זענען אין א גרעסערע סכנה פון טעראר אטאקעס. דאס בויט אויף לעצטע יאר'ס 43 מיליאן דאלאר אין גרענטס וועלכע זענען געגעבן געווארן פאר 362 נאָן-פּראַפיט ארגאניזאציעס צו העלפן פארשטערקערן זיכערהייט אינפראסטרוקטור און פארמערן גרייטקייט קעגן פאטענציאלע האסן פארברעכן אטאקעס. אין צוגאב פארברייטערט די גאווערנער'ס פיסקאלע יאר-2023 אריבערגעפירטע בודזשעט ארעסט און בעיל בארעכטיגונג פאר האסע פארברעכנס, מאכנדיג אלע האסן פארברעכנס בארעכטיגט פאר ארעסט אויב דער מענטש איז אכצן אדער עלטער.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418